בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



פרשת שמיני
מברכים חודש אייר
כ"ח ניסן שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 18
(33)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שַׁבָּת זָכוֹר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, עֶס אִיז גֶעוֶוען 'שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת' פוּן בְּנוֹ הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוּב וְעַכְבִּישׁ [חֵלֶק ד].

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶער נָאךְ הָאבִּין דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם דוּמִיט גִינוּמֶען דֶעם פַּאטְרֶעט אוּן הָאבִּין אִים וִוידֶער צוּ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי פְּרִיר אוּן דִי קְרוֹין הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען אוּן הָאבְּן אָפְּגִיוַואשְׁן. אוּן הָאבִּין וִוידֶער אוֹיף גִיהָאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִיחַאפְּט. אוּן הָאט תֵּיכֶּף אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם בְּלֶעטִיל וָואס סֶע הָאט אוֹיף אִים מֵגִין גִיוֶוען פוּן אַ וָואסִירֶע נִימוּס פוּן אַ וָואסִירֶע אוּמָה דָאס אִיז. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַ סֶע שְׁטֵייט דָארְט דֶער נִימוּס פוּן יוּדִין. הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְל מִיט דֶעם אֶמֶת הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶעכְטְן אֶמֶת. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט שׁוֹין בְּוַודְאַי זַיין אַ יוּד. נָאר וָואס טוּט מֶען אַז מֶען זָאל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מַחְזִיר לְמוּטָב זַיין מֶען זָאל זֵיי אַלֶע בְּרֶענְגֶען צוּם אֶמֶת.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט פָארִין זוּכִין אַ חָכָם. וָואס עֶר זָאל אִים פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין כְּהַוָויָיתוֹ. (דְהַיְינוּ עֶר זָאל אִים בַּאשֵׁיידִין דֶעם חָלוֹם פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז) אוּן עֶר הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען צְוֵוי מֶענְטְשְׁן אוּן אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִיט אַזוֹי וִוי אַ מֶלֶךְ נָאר וִוי אַ פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשׁ אוּן אִיז גִיפָארִין פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט. וִוי גִיפִינְט מֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין כַּהֲוָיָיתוֹ. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָארְט אוּן דָארְט גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ חָכָם. אִיז עֶר גִיפָארִין אַהִין. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם אֶמֶת. אַז עֶר אִיז אַ מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען מִלְחָמוֹת. אוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס סֶע גִיוֶוען כַּנַ"ל. אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אִים פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין.

בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ חָלוֹם, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כ, ח): "כַּחֲלוֹם יָעוּף וגו'". ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב צוּ אַ חָכָם, צוּם אֶמֶת'ן צַדִיק, שְׁלָאפְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ טִיפֶע שְׁלָאף, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז אוֹיף, עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר עֶסְט אוּן טְרִינְקְט, עֶר מַאכְט

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

מיר גייען יעצט אריין אינעם ערשטן שבת פונעם זומער, א לאנגע שבת, דארפסטו געדענקען וואס דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן י"ז) צריך להזהר מאד להיות שמח וטוב לב בשבת, מען דארף זיין זייער פרייליך און גוטמוטיג שבת; עס איז דא א מנהג ישראל אז די ערשטע שבת נאך פסח מאכט מען א שליסל אויף די חלה, דער טעם פון דעם איז ווייל פסח האט מען נישט געטארט עסן קיין חמץ און יעצט שבת נאך פסח איז דער צייט וואס מען הייבט אן עסן חמץ, וועגן דעם מאכט מען א שליסל; מוהרא"ש זאגט אז דאס טוט מען ווייל מען וויל דערמאנען דעם מענטש ער זאל געדענקען אז פרנסה קומט פונעם אייבערשטן אזוי ווי חז"ל זאגן (תענית ב) אמר ר' יוחנן: ג' מפתחות בידו של הקב"ה, ר' יוחנן זאגט דריי שליסלען איז נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן, מפתח של גשמים, מפתח של חיה, ומפתח של תחיית המתים, די שליסל פון רעגן, קינדער און תחיית המתים, במערבא אמרי אף מפתח של פרנסה, אין ארץ ישראל זאגט מען: אויך די שליסל פון פרנסה. דערפאר מאכט מען א שליסל אויף די חלה אז דער מענטש זאל געדענקען אז קיינער קען אים נישט העלפן און געבן פרנסה נאר דער אייבערשטער. דערפאר זאלסטו זען צו זיין פרייליך שבת און אריין ברענגען אין שטוב א שמחה, און דער רבי זאגט די גאנצע געלט קומט פון די פרוי, זאלסטו זען צו מכבד זיין דיין ווייב אזוי ווערסטו האבן שפע.

(עצתו אמונה אחרי תשע"ו)

גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס אַלֶעס אִיז אִין אַ ׳חָלוֹם׳, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְשְׁלָאפְן אוּן עֶר לֶעבְּט אִין אַ חָלוֹם, עֶר אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁלָאפְט אוּן חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַ חָלוֹם, יֶענֶער חָלוֹמְ׳ט פוּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, פוּן פַּאסִירוּנְגֶען וְכוּ׳ אִים דַאכְט זִיךְ אוֹיךְ אַז עֶר אִיז יֶעצְט בֶּאֱמֶת אוֹיף, עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר עֶסְט אוּן טְרִינְקְט, עֶר מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳ - אָבֶּער בֶּאֱמֶת הַאלְט עֶר אִינְמִיטְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אֵיידֶער עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק אִיז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ שְׁלָאפֶעדִיגֶע לֶעבְּן, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - טוּט עֶר אִין חָלוֹם.

דֶער חָכָם, דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִיק וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ: דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי גוּט עֶס אִיז דִיר, דַיין גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אוּן אוֹיב דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין אַן עֲבֵירָה הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, טוּ גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, זָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן׳ - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, דַאן הֵייסְט זַיין לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, עֶר אִיז אוֹיף מִיט זַיין גַאנְצֶע קְרַאפְט, אָבֶּער ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר עֶסְט אוּן טְרִינְקְט, עֶר מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳ אָבֶּער עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אַ קְלָארֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַאלְט עֶר נָאךְ אִינְמִיטְן זַיין שְׁלָאף.

**הָאט אִים דֶער חָכָם גֶיעֶנְפֶערְט. אִיךְ אַלֵיין קָאן נִיט פּוֹתֵר זַיין.**

אַזוֹי אִיז דִי סֵדֶר פוּן צַדִיקִים, קוֹדֶם פְּרוּבִּירְן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט".

**נָאר סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַ צַייט. אִין דֶעם אִין דֶעם טָאג אוּן אִין דֶעם אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. דֶעמוֹלְט נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף אַלֶע סַמְמָנֵי הַקְטוֹרֶת (כְּלוֹמַר אַלֶע קְרֵייטִיכְצֶער וָואס פוּן זֵיי פְלֶעגְט מֶען מַאכְן קְטוֹרֶת) אוּן אִיךְ מַאךְ פוּן זֵיי אַ מוּרְכָּב. (כְּלוֹמַר עֶר מִישְׁט זֵיי אוֹיס אִין אֵיינֶעם). אוּן מְרֵייכֶערְט דֶעם מֶענְטְשְׁן מִיט דֶער קְטוֹרֶת אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִין זִין וָואס עֶר וִויל זֶעהְן. אוּן וָואס עֶר וִויל וִויסְן. וַוייסְט עֶר דֶעמוֹלְט אַלְדִינְג.**

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען. אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יוֹא אַזוֹי פִיל צַייט דֶרוֹיף פַארְבְּרַאכְט. וֶועט עֶר נָאךְ וַוארְטְן בִּיז דֶעם טָאג אוּן דֶעם חוֹדֶשׁ.**

אִין דִי וֶוערְטֶער לִיגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְסוֹד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף דָאס אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן וִויסְן, ׳אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל צַייט כְּדֵי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן פוּן מַיין יֵצֶר הָרָע אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶועל אִיךְ שׁוֹין אוֹיסְוַוארְטְן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין אִינְגַאנְצְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן׳.

אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַ לַאנְגֶע צַייט אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָׁה, עֶר פְּרוּבִּירְט אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי מִדָּה פוּן ׳עֲנָוָה׳, עֶר פְּרוּבִּירְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע ׳אֱמוּנָה׳ עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין לֶעבְּן וָואס שְׁוֶועבְּט וִוי אִין אַ ׳חָלוֹם׳, עֶר אִיז זֵייעֶר בַּאזָארְגְט ׳וֶוען וֶוען אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת?׳ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט ׳אֱמוּנַת חֲכָמִים׳, אַז דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל וַוארְטְן בִּיז דֶעם גֶעווִיסֶע צַייט וָואס דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיסְוַוארְטְן דֶעם צַייט, ווַייל צוּם סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אִיז אַרַיין אַ שְׁמוּעֶס פוּן ׳עֲנָוָה׳. וָואס אִיז דִי מִדָּה פוּן ׳עֲנָוָה׳? מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז גֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם רִיקְן דָאס אִיז ׳עֲנָוָה׳, אָבֶּער דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט ׳עֲנָוָה׳, גֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגְן קֶען קוּמֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ אִין לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ בַּטְלָן, אָדֶער וִוי דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן ׳חֲנִיפָה׳ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כב).

דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט קַיין ׳עֲנָוָה׳. מֶען קֶען גֵיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם רִיקְן אוּן זַיין בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וִוי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שַׁארְבּ, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימָנוֹב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוֹן מִיט קְלֵיידֶער גֶעשְׁטְרִיקְט מִיט גָאלְד וְכוּ׳, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט גְרוֹיס אוּן רַייךְ, אָבֶּער אִינֶעווֵייניִג אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן בָּטֵל, אוֹיף אַזוֹי ווַייט אַז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעדַארְפְט מְחַזֵק זַיין אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וָואס דוּ זֶעסְט בִּיסְטוּ חָשׁוּבֶ׳ער פוּן אִים!" אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט מֶען גָארְנִישְׁט אָנְגֶעמֶערְקְט אוֹיף אִים זַיין גְרוֹיס

עֲנִיוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן תַּלְמִידִים אַז מוֹהֲרַ"א"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶענוּמֶען אַ פַּאפִּיר אוּן עֶס צֶערִיסְן אוֹיף הֶעלְפְט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען אֵיין הֶעלְפְט אוּן עֶס נָאכְאַמָאל צֶערִיסְן אוֹיף הֶעלְפְט אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צֶערִיסְן דֶעם הֶעלְפְט בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין אַז מֶען הָאט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן קְלֶענֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַזוֹי צֶערִיסְן בִּין אִיךְ בַּיי מִיר! עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט שַׁיָּיךְ עֶס מֶער צוּ צֶערַייסְן..." אָבֶּער קוּקֶנְדִיג אוֹיף מוֹהֲרַ"א"ש הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן ווִי 'גָארְנִישְׁט' דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ, מוֹהֲרַ"א"ש הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַזוֹי מְסוּדָּר, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע תְּנִיעוֹת מִיט אַזַא חֵן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמ'ען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי זֵיי גֵייעֶן אָן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי זֵיי הַאלְטְן זִיךְ עֶפֶּעס וֶוערְד, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נָאכְגֶעזָאגְט הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאוְוענֶען בַּיים שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אַז אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי קַשְׁיָא וָואס אַסַאךְ קִינְדֶער הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מַיין זֵיידֶע הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק גַאבַּ"ד קַארְלְסְבּוּרְג זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זִיצְן אוֹיבְן אָן וְכוּ' הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען ווִי אַזוֹי קֶען זַיין דֶער צַדִּיק אִיז אַ צַדִּיק, עֶר זִיצְט דָאךְ אוֹיבְן אָן וְכוּ' קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר אִיז דָאךְ אַ בַּעַל גַּאֲוָה...? אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן אַרַיין אִיז דָאס בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין קַשְׁיָא, ווַייל מֶען קֶען זִיצְן אוֹיבְן אָן אוּן זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בְּמִדְבָּר יב, ג): "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו, ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט זַיין אָן עָנָיו, עֶר הָאט דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן וְכוּ', נָאר פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קֵיין עֲנָוָה, מֶען קֶען זִיצְן אוֹיבְן אָן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו.

'עֲנָוָה' אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, עֲנָוָה מֵיינְט הָאבְּן 'סַבְלָנוּת', אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בְּמִדְבָּר יב, ג): "עָנָו - שָׁפָל וְסַבְלָן", אַ עָנָיו אִיז דֶער וָואס קֶען אַלֶעס סוֹבֵל זַיין, עֶר קֶען דֶערְלַיידְן ווֶען אַ צְווֵייטֶער טוּט אִים שְׁלֶעכְטְס אוּן מוּז אִים נִישְׁט צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס טוּן.

דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן צוּ ווִיסְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר זַיין ווַייבּ; נִישְׁט קֵיין חִילּוּק ווִיאַזוֹי זִי רֶעאַגִירְט צוּרִיק צוּם מַאן, אֲפִילוּ זִי רֶעדְט שַׁארְף, זִי רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין וְכוּ', דָאךְ דַארְף דֶער מַאן ווַייטֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ זַיין ווַייבּ. דֶער מַאן דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ 'גַּדְלוּת הַמּוֹחִין', מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה: 'אִיךְ דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט - אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַז מַיין ווַייבּ זָאל הַאלְטְן פוּן מִיר וְכוּ', אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ מַיין ווַייבּ ווֵייךְ אוּן שֵׁיין, עֶס וֶועט נִישְׁט אוֹיסְמַאכְן קֵיין חִילּוּק אִין מַיין רֶעדְן ווִיאַזוֹי מַיין ווַייבּ רֶעאַגִירְט צוּרִיק צוּ מִיר, אַז זִי רֶעדְט צוּ מִיר שֵׁיין אִיז אוֹיךְ גוּט... אָבֶּער מַיין רֶעדְן צוּ אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט טוּישְׁן לוֹיט ווִי אַזוֹי זִי רֶעאַגִירְט צוּ מִיר".

מוֹהֲרַ"א"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן ווִי מֶען הָאט גֶעהֶערְט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס - מִיט דֶעם וָואס דִי ווַייבֶּער הָאבְּן נִישְׁט אֵייבִּיג צוּרִיק גֶערֶעדְט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף.

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים כד, ה): "וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", דֶער מַאן זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ זַיין ווַייבּ, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, דִי וֶוערְטֶער מֵיינֶען אַז דֶער מַאן זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין ווַייבּ, אַזוֹי ווִי דֶער תַּרְגּוּם אוּנְקְלוּס טַייטְשְׁט: "וְיַחְדֵי יָת אִתְּתֵהּ", עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער מַאן זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן 'מִיט' זַיין ווַייבּ; אַלֶע פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם, וָואס הֵייסְט עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין ווַייבּ אָבֶּער עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מִיטְפְרֵייעֶן 'מִיט' זַיין ווַייבּ, לִכְאוֹרָה, אַז מֶען מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ ווֶוערְט עֶר דָאךְ אַטָאמַאטִישׁ צוּזַאמֶען פְרֵיילִיךְ? נָאר רַשִׁ"י מֵיינְט דָאס וָואס מִיר שְׁמוּעֶסְן יֶעצְט, דֶער מַאן זָאל נִישְׁט מֵיינֶען זִיךְ, דֶער מַאן דַארְף רֶעדְן ווֵייךְ אוּן שֵׁיין צוּ זַיין ווַייבּ - אָפְּגֶעזֶען ווִי אַזוֹי זִי רֶעאַגִירְט צוּרִיק צוּ אִים, אֲפִילוּ זִי וֶועט אִים נִישְׁט צוּרִיק פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זָאל עֶר זֶען אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"א"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט חַזֶר'ן דֶעם וָוארְט אַז אַ מַאן מַאכְט יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה", יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין פְרוֹי, לִכְאוֹרָה וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם בְּרָכָה, אוֹיף וָואס דַאנְקְן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי וֶועלְט קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְגֵיין אָן פְרוֹיעֶן? (מוֹהֲרַ"א"ש פְלֶעגְט אַלֶץ צוּלֵייגְן, דִי בְּרָכָה וָואס דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן "שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ", אִיז סַאךְ אַ שֶׁענֶערֶע בְּרָכָה, ווַייל זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן). נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן מַאן אוּן ווַייבּ מִיט דֶעם נַאטוּר אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דֶער וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער

פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן דִי פְרוֹי' אִיז דִי מְקַבֵּל - זִי נֶעמְט פוּנֶעם מַאן, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְקַבֵּל, נָאר מִיר זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם. דֶערְוַוייל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס בַּיי אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי זֶענֶען גָאר דִי וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל, זֵיי זֶענֶען נָאךְ מֶער 'פְרוֹי' וִוי זֵייעֶר וַוייבּ... עֶר וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט פוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס זַיין וַוייבּ זָאגְט אִים.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָואךְ אִין אַ בְּרִיוו אַז זַיין וַוייבּ הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת: "דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע, דוּ דַארְפְסְט נֶעמֶען פִּילְן...!" עֶר פְרֶעגְט מִיר וָואס זָאל אִיךְ טוּן, יֶעצְט טָאר אִיךְ אִיר אוֹיךְ נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, דוּ רֶעד צוּרִיק צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; אֲפִילוּ אַז זִי שְׁרֵייט מֵיינְט זִי גָארְנִישְׁט, זִי אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, בַּאלְד וֶועט זִי זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן אַלֶעס וֶועט זִיךְ מְסַדֵּר זַיין.

אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן אִין שְׁטוּבּ אוֹיבּ עֶר רֶעדְט שֵׁיין מִיט שֵׂכֶל. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ, רוֹב וָואךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען מִיט הִתְבּוֹדְדוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים; פְלֶעגְן קוּמֶען פְרוֹיעֶן, אוּמְפַארְגִינֶערִישֶׁע שְׁכֵנִים - אָנְהֶעצְן זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים, זֵיי פְלֶעגְן אִיר טְשֶׁעפֶען זָאגְנְדִיג: "דוּ הָאסְט אַ מַאן אַ מְשׁוּגַע'נֶער", זֵיי פְלֶעגְן אִיר זָאגְן: "דוּ בִּיסְט אַ רַחְמָנוּת"; אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פְלֶעגְן זֵיי אִיר זָאגְן בִּיז זִי אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהֶעצְט קֶעגְן אִים אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "עַד כַּאן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט מֶער אַזוֹי לֶעבְּן מִיט דִיר וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעוִויסְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אַ וַוייבּ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִיר זֵייעֶר שֵׁיין, זֵייעֶר וֵוייךְ, עֶר פְלֶעגְט אִיר זָאגְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער בִּיז זִי הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט מֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁכֵנִים. לְמַעֲשֶׂה פְלֶעגְט זִי יָא צוּרִיק פַאלְן; זִי פְלֶעגְט נָאכְאַמָאל וֶוערְן אוֹיפְגֶעהֶעצְט, אָבֶּער דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּ אִיר, עֶר הָאט אִיר שְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער גֶעקוֹיפְט אוּן אַלְץ שָׁלוֹם גֶעמַאכְט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין ק:): "אִלְמָלֵא לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה", וֶוען מִיר וָואלְטְן נִישְׁט גֶעהַאט דִי תּוֹרָה, "לָמַדְנוּ דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִתַּרְנְגוֹל", וָואלְטְן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶּרֶךְ אֶרֶץ פוּן אַ הָאן, דֶער הָאן זָאגְט פַאר'ן הִינְדְל: "זִיגָא זָבֵינְנָא לִיךְ", אִיךְ גֵיי דִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶעם מַאנְטְל, "דְּמָטֵי לִיךְ עַד אַרְעָא", אַ מַאנְטְל וָואס וֶועט צוּדֶעקְן דַיינֶע פִיס, "וּבָתַר הָכִי", נָאכְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם זָאגְט עֶר אִיר: גְלֵייבּ מִיר, אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעהַאט גֶעלְט וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס גֶעקוֹיפְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט; עֶר זָאגְט אִיר, גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ מֵיין עֶס אֶמֶת'דִיג, אוֹיבּ נִישְׁט: "לִישְׁמְטֵיהּ לְכַרְבַּלְתֵּיהּ דְּהַהוּא תַּרְנְגוֹלָא, אִי אִית לֵיהּ וְלָא זָבְנִינָא לָךְ", - זָאל מַיין קָאפּ אוֹיסְגֶערִיסְן וֶוערְן, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין גֶעלְט.

אוֹיךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן 'אֱמוּנָה'. דִי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע שַׁבָּת, מֶען הָאט גֶעלֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן מְחִיַּית עֲמָלֵק (דְּבָרִים כה, יז - יח): "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם, אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וגו'". עֲמָלֵק פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּקִילְן דִי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִידְן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, דַארְפְן מִיר אוֹיסְרַייסְן דֶעם עֲמָלֵק פוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, נָאר אַלֶעס פִירְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַלְץ גֶעבְּן דֶעם מָשָׁל. וֶוען פָּאלִיצֵיי כַאפְּן אַ מֶענְטְשׁ בִּינְדְן זֵיי אִים צוּ מִיט קֵייטְלֶען כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן, זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט זַיינֶע הֶענְט אִין דִי קֵייטְלֶען צוּגֶעבִּינְדְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְרַייסְן דֶערְפוּן, אָבֶּער דֶער נָאר שְׁלֶעפְּט זַיינֶע הֶענְט אַהֶער אוּן אַהִין, פְּרוּבִּירְנְדִיג מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי קֵייטְלֶען, וָואס וֶועט זַיין דֶער סוֹף וֶוען זֵיי וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן דִי פָּאלִיצֵיי אוּן מֶען נֶעמְט אַרָאפּ זֵייעֶרֶע קֵייטְלֶען? דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט פוּן דִי פָּאלִיצֵיי הָאט גֶעזוּנְטֶע הֶענְט, וִוידֶער דֶער נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ גֵייט אַהֵיים מִיט צֶעבְּלִיטִיגְטֶע הֶענְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז לְגַבֵּי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶן פוּן וֶועמֶען קוּמְט דָאס אַלֶעס? פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דֶערִיבֶּער אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ עֶסְן דָאס גֶעזוּנְט אוּן זִיךְ קְרַאנְק מַאכְן פוּן דִי צַעַר, נָאר מֶען דַארְף אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.